נער א שילער פערוואונדערט נעפרעגט: „וואס מינא?...“ — און איך האב פערשטאנען, אז איך האב פערטראכטערהייט ארויסגערעדט דעם נאמען „מינא“. און אויך האב איך פערשטאנען, אז הגם מיין געדאנק איז א י י ן זאך און „מינא“ איז נאר א נאמען פון א מיידעל, ווערט אבער יענער געדאנק מיינער שטענדיג בעגלייט פון מינא’ס בילד, פון די קלאנגען, וואס שטעלען צוזאמען דעם נאמען „מינא“, און פון יענעם בעזונדערן געפיהל פון בערייטונג און וויכטינקייט, וואס שפירט זיך שטענדיג אין דער לופט אין מינא’ס אנוועזענהייט.

אויסער מיר איז אונזער קאמיטעט בעשטאנען פון פיער מענער און איין מיידעל. כ’ווייס נישט וואסערע אויגען די מענער האבען געהאט, נאר מינא’ס זענען געווען בלויע, העל בלויע, און אין געוויסע מאמענטען פלעגען זיי ווערען טונקעל, שווארץ און ענדליך פינסטער און טיעף, ווי א תהום. שווארצע האר, א מעסיגע, חנ’עוודיגע פיגור און עטוואס לאנגזאמעס און ערנסטעס אין די בעוועגונגען.

אויף אונזערע מיטינגען האט זי זעלטען־ווען פיעל דעבאטירט. אין צוויי־דריי ענג־געבונדענע פראזען פלעגט זי מאכען א פארשלאג אדער ארויסזאגען א מיינונג ווענען א סיטואציע און דערנאך בלייבען זיצען שטום און אויפמערקזאם, עטוואס פערשמעלערט די קורצזיכטיגע אויגען. און זעהר אפט האט געטראפען, אז נאכדעם ווי מיר האבען א לאנגע צייט מיט היציגע דעבאטען געוואשען די פראגע און זי גערייניגט פון מיספערשטענדנישען, זענען מיר, א ביסעל פערוואונדערטע, געקומען צו דעמזעלבען געדאנק, פארמולירט אין מינא’ס צוויי־דריי ענג־געבונדענע זאצען.

זי איז געווען א טאכטער פון א הויכען רוסישען בעאמטען. דאס איז אלעס, וואס מיר האבע געוואוסט ווענען איהר. ביי דער טיר פון דער קאנספיראטיווער קווארטיר פלעגט יעדער פון אונז אראבווארפען פון זיך זיין פערזענליך לעבען, ווי אן אויבערמאנטעל אין פארהויז.

ד.

אויף אונזער שטאדט האט זיך אנגערוקט דער וואלקען פון א פאגראם אויף יודען. מאדנע קלאנגען האבען זיך ארומגעטראגען אין שטאדט, שטילע און שארפע קלאנגען, ווי דאס צישען פון א שלאנג. מענשען זענען ארומגעגאנגען מיט געשפיצטע אויערען, מיט פלינקע און קרומע בליקען, און האבען „געשריעבען“ מיט די נעזער, ווי זיי וואלטען געשפירט עפעס א פערדעכטיגען גערוך, אבער שטיל און פערביסען.

מיר זענען זיך צוזאמענגעקומען אין א הייסען נאכמיטאג צו אן עקסטרא מיטינג אין מינא’ס וואוינונג, וועלכע איז געווען צו גלייכער צייט אונזער קאנספיראטיווע קווארטיר. די זיצונג האט לאנג נישט געדויערט: קורצע בעראטונגען, קיינע דעבאטען, און א בעשלוס — צו ארגאניזירען א זעלבסטשוץ ווי מעגליך שנעלער. אין פערלויף פון מיטינג האב איך א פאר מאל בעמערקט אויף זיך מינא’ס אויפמערקזאמען בליק. און ווען די מיטגליעדער פון קאמיטעט האבען גענומען איינציגנווייז זיך פאנאנדערגעהן, האט זי מיר געגעבען א וואונק, איך זאל בלייבען.

איך בין געבליבען שטעהן שוין מיט’ן הוט אויפ’ן קאפ, אנגעשפארט מיט’ן רוקען און מיט ביידע הענד אן טיש, וועהרענד מינא, מיט אן אראבגעלאזענעם קאפ און די הענד צונויפגעלעגט אויף איהר ברוסט, איז ארומגעגאנגען הין און צוריק איבער’ן צימער. מיר האבען געשוויגען. דערנאך האט זי אויפגעהויבען דעם קאפ, האט זיך אבגעשטעלט און א קוק געטהון גלייך אויף מיר. זי איז געווען בלאס, זעהר בלאס. און איהרע אויגען — שווארץ און פינסטער, ווי בלויז מינא’ס אויגען האבען געקאנט זיין.

מיר איז קאלט געווארען. מאמענטאל, ווי בעלויכטען פון א שטארקען און פלוצלינגען אויסברוך פון פייער, איז פאר מיר קלאר געווארען מיין געדאנק: צו ווערען איינע פון די „ראקעטען“, וואס בעלייכטען דעם וועג פון דער רעוואלוציע — און בעצאהלען דעם פרייז דערפאר.

און מינא האט עס פערשטאנען די ערשטע! זי האט עס געזעהען אויף מיין געזיכט, ווען עס איז פאר מיר אליין נאך קלאר נישט געוועזען. פארוואס?...

— בעשלאסען? — האט זי געפרעגט אין א ווילע ארום, מיט א האלב פערשטיקטער שטים.

— בעשלאסען. — האב איך געלאסען און פעסט געענטפערט, פיהלענדיג אז דער בעשלוס ווערט אנגענומען אין דערזעלבער סעקונדע.

זי האט אויף מיר געקוקט א ווילע און ווידער גענומען ארומגעהן איבער’ן צימער. אין א פאר מינוט ארום איז זי געווען רוהיג און ערנסט ווי שטענדיג.

— איבערינענס, מיר וועלען זיך דאך נאך זעהן, — האט זי געזאגט און מיר געגעבען איהר האנד.

געהענדיג אהיים צו זיך און צו מיין מוטער, האב איך געפיהלט, אז אלע אברים אין מיר זינגען. דערצו האב איך געטהאכט, ווי מאדנע עס איז דאס מזל פון א מענשען, וועמעס לעבענסוועג, וואהרשיינליך זעהר א קורצער, ציהט זיך פון איין פרוי, וועלכע ער האסט כמעט, צו א צווייטער, וואס ער פאנגט אן זי צו ליעבען. —

There were four other men and one girl in our committee. I didn't remember the eyes of the men, but Minna's eyes were blue, light blue. Yet at certain moments they would darken, get darker, until they were black and deep as an abyss. Her hair was black, her figure average, lovely; and there was something slow and serious in her movements.

She seldom joined in the debates at our meetings. In two or three terse phrases she would make a suggestion or state an opinion. She would then remain silent and attentive, narrowing her myopic eyes. Very often, after heatedly debating an issue, cleansing it, ridding it of all misunderstandings, we were amazed to see that we had reached the same conclusion that Minna had already formulated in her two or three terse phrases.

All we knew about her was that she was the daughter of a Russian official of high position. Once we passed through the door of our underground cell each of us shed his personal life, like an overcoat in the vestibule.

4

Now the cloud of a pogrom was looming over our city. Strange sounds were audible, soft, sharp sounds, like the hissing of a snake. People went about with their ears atuned, with swift, sidelong glances. They twitched their noses as if sensing a suspicious smell, quietly, grimly.

One hot afternoon our committee had an emergency session in Minna's apartment, which was the meeting place of our underground cell. It wasn't a long meeting: just brief discussions, no debates, and a resolution. We were to organize some kind of self-defense as fast as possible. Several times during the meeting I caught Minna gazing at me and, when the other members began filing out one by one, she signaled to me to stay.

I stopped in my tracks, my hat on my head, my back and my hands leaning against a table. Minna, with her head lowered and her arms on her chest, was pacing up and down. We both remained silent. Then she raised her head, paused and looked right at me. She was pale, very pale, but her eyes were deep black, as only Minna's eyes could be.

I felt cold. All at once, as if illuminated by a strong, sudden burst of fire, I saw the light. I had to be one of the "rockets" that light up the path of the revolution—and pay the price.

Minna was the first to understand. She had seen it on my face even before it became clear to me. How had she known?

"Have you made your decision?" she asked after a while, her voice choked.

"Yes," I replied, calmly and firmly, feeling as if I had made my decision that very instant.

She gazed at me for a while, then began pacing up and down again. In a few minutes she was as calm and serious as ever.

"We're sure to meet again," she said, shaking my hand.

Walking back to my home, to my mother, I felt my whole body vibrating. I thought how strange a person's destiny was, his path in life probably very short, going from a woman he almost hated to a woman he was starting to love.

יג.

אַז איך האב ערוואכט, האב איך באַמערקט, אַז דאס סטעאַרין־ליכט אויפ'ן טיש איז כמעט נישט קלענער געווארען. איך בין געשלאפען, וואהרשיינליך, נישט מעהר ווי פופצעהן מינוט. אבער איך בין געווען פריש, מונטער און רוהיג. דער אויסגעשריי: „אוי, מיין זוהן!" האט מיר ביז היינטיגען טאג נישט פערלאזען, אבער פון דאַן אַן איז ער געווארען ווייכער, מוטערליכער. מיין מאַמע'ס נשמה האט געפונען אַ תקון.

אונזער קאנספיראטיווע קווארטיר איז געווען איינגעארדענט בעקוועם, כמעט עלעגאנט, אום אויסצומיידען יעדען חשד. איך בין אריין אין טואלעט־צימער און האב זיך גוט אבגעוואשען דעם קאַפּ און די הענד. דער שפיגעל האט מיר געוויזען, אַז איך בין גרוי. איך האב ענדליך דערזעהען אַט דעם צלם, וועלכען איך האב די גאנצע צייט בלויז געפיהלט. די וואונד האט מעהר נישט וועה געטהון, זי האט בלויז אַ ביסעל געביסען.

תחלת האב איך געוואלט נעהמען אַ מעסער, אבשניידען אַ פּאַס פון שטערן און — אבמעקען דעם צלם. דערנאך האב איך זיך בעסלערט — זאל ער בלייבען. „לטוטפות בין עיניך"... הא! אַזעלכע „טוטפות" האט עס אונזער אַלטער, ליעבער גאט געמיינט?

יד.

איך בין קיינעם גארנישט שולדיג געווען און האב פאַר קיין זאך נישט געוואלט צאהלען.

שוין דיזעלבע נאכט האב איך פערלאזען אונזער שטאַדט. אין צוויי טאג אַרום בין איך אריבער די דייטשע גרעניץ און האב זיך אַוועקגעלאזען קיין אַמעריקאַ.

דער ים האט מיך אויפגענומען מיט ענדלאזער ברייטקייט, מיט רויהע ווינטען, מיט שאַרפען, געזאלצענעם אַטהעם. און גע־רעדט האט ער צו מיר פון וואונדערבארע זאכען, גערעדט־גערעדט און געשוויגען־גערעדט. מיט פרייד און שטוינען האב איך איהם צוגעהערט, און נישט אין ווערטער וועל איך איבערגעבען, וואס ער האט מיר דערצעהלט.

כמעט באלד נאך מיין קומען קיין אַמעריקאַ האב איך זיך אַוועקגעלאזען וואנדערען איבער'ן לאנד. און די פּרעהריע האט גענומען מיר פּערטייטשען אויף איהר לשון, וואס דער ים האט געמיינט מיט זיינע רעד. אַ, די פּרעהריע! איהרע נעכט, איהרע טעג!...

שוין באלד דריי יאהר זינט איך וואנדער אַרום. און איך, ניי־געבוירענע קינד, שפיר, אַז איך בין שוין גענוג קרעפטיג. אין גיכען וועל איך גיהן צוריק צו'ם ישוב.

און דעמאלט — — —

---

איך האב אַ קוק געטהון אין זיין זייט, אבער ער האט מעהר גארנישט געזאגט. אַז מיר האט ער, קענטיג, פערגעסען.

און איך, אַ מענש וואס איז שוין יאהרען לאנג געווען דעראויסען פון אַלעם, האב געטראכט:

עס וועט אויפשטעהן אַ דור פון אייזערנע מענשען. און זיי וועלען אויפבויען דאס, וואס מיר האבען דערלאזען חרוב צו ווערען.

13

When I awoke I noticed that the tallow candle on the table had not grown much shorter. I probably hadn't slept for more than fifteen minutes, but I was fresh, alert and calm.

That moan, "Oh, my son!" still haunts me today, but from that day on it became softer, more maternal. My mother's soul had found its rest.

Our secret meeting place was furnished comfortably, almost elegantly, to avert any suspicion. I went into the bathroom and washed my head and my hands. The mirror showed me that I was gray. And at last I saw the cross that I had felt all that time. The wound no longer hurt; it merely itched slightly.

At first I wanted to take a knife and cut a swath off my forehead, in order to erase the cross. Then I changed my mind. Let it stay: "A frontlet between thine eyes." Ha! Is this the kind of "frontlet" that our dear, old God meant?

14

I now owed nothing to anyone, nor did I want to pay anything. I left our city that same night. Two days later I crossed the German border and set sail for America.

The ocean embraced me with its endless vastness, with strong winds, with its sharp, salty breath. It talked to me about wonderful things. It spoke out loud, it spoke silently. I listened to it with joy and amazement, and I have no words to express what it told me.

Soon after I arrived in America I began to wander across the country, and the prairies began to translate into its language what the ocean had said to me. Oh, the nights and days on the prairie!

I've been wandering for three years. And I feel like a newborn child, feel that I'm strong enough now. Soon I'll return to civilization. And then . . .

I gave him a sidelong glance, but he had stopped speaking. He had clearly forgotten me.

And I, an outsider for years, mused: "A generation of iron men will come, and they will rebuild what we have allowed to be destroyed."

1909

Translated Joachim Neugroschel in David G. Roskies, ed. The Literature of Destruction (1989)